23 און די (טיילן) פונעם גוף, וועלכע מיר האַלטן
פאַר נישט אַזוי איידל, די דאָזיקע באַקליידן מיר
מיט מער כבוד; און אונזערע נישט־אָנשטענדיקע
24 צירן מיר אַמערסטן; אונזערע אָנשטענדיקע אָבער
דאַרפן עס נישט; יאָ, ג־ט האָט (אַזוי) צוזאַמענ־
געזעצט דעם גוף, אַז ער האָט צוגעטיילט מער כבוד
25 צו דעם ווייניקער וויכטיקן (אבר), כדי עס זאָל
נישט זיין קיין מחלוקה אינעם גוף; נאָר אַז די אברים
26 זאָלן פאַרזאָרגן איינס דאָס אַנדערע. און אויב איין
אבר ליידט, ליידן אַלע אברים מיט; און אויב איין
אבר באַקומט כבוד, פרייען זיך אַלע אברים מיט.
27 און איר זענט משיחס גוף, און אברים יעדער באַזונ־
28 דער. און ג־ט האָט אייניקע באַשטימט אין דער
קהלה, ערשטנס שליחים, צווייטנס נביאים, דריטנס
מלמדים, דערנאָך וואונדער, דערנאָך מתנות פון
29 רפואה, הילף, פאַרוואַלטונג, מינים לשונות. צי
זענען דען אַלע שליחים? צי זענען דען אַלע נביאים?
צי זענען דען אַלע מלמדים? צי (טון) דען אַלע
30 וואונדער? צי האָבן דען אַלע די מתנות פון רפואות?
צי רעדן דען אַלע מיט לשונות? צי פאַרטייטשן דען
31 אַלע? שטרעבט אָבער צו דערגרייכן די גרעסערע
מתנות.
און נאָך אַ דרך, אַן אויסגעצייכנטערן, ווייז איך
אייך.

## קאַפּיטל דרייצן

1 אויב איך רעד שוין מיט די לשונות פון
מענטשן און מלאכים, האָב אָבער נישט קיין
ליבע, בין איך אַ שאַלנדיק קופּער אָדער אַ
2 קלינגענדיקער צימבל. און ווען איך האָב נבואה
און קען אַלע סודות און יעדע דערקענטעניש;